בס"ד

יתרו תשפ"ב
גליון 77

# דעם רבינ'ס ליכט



אֵייעֶרע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

### אַ גוּטְן לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת פַאר אַלֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער

מִיר שְׁטֵייעֶן אִין דִי וָואךְ פוּן מַתַּן תּוֹרָה - פַּרְשַׁת יִתְרוֹ. דִי קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ דֶערְצֵיילְט אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אַז כְּלַל יִשְׂרָאֵל הָאבְּן גֶעזָאגְט 'נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמַע'.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אוֹיפְן פָּסוּק 'יוֹם הַשִּׁשִּׁי'. פַארְוָואס בַּיי דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע טֶעג שְׁטֵייט נָאר 'יוֹם שֵׁנִי' א.א.וו. אָבֶער בַּיים זֶעקְסְטְן טָאג שְׁטֵייט 'יוֹם הַשִּׁשִּׁי', וָואס בַּאדֵייט דָאס?

נָאר דָאס קוּמְט מְרַמֵּז זַיין אוֹיף דֶעם זֶעקְסְטְן טָאג פוּן חֹדֶשׁ סִיוָן, דֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת - זְמַן מַתַּן תּוֹרָתֵנוּ. דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען בַּאפֶעסְטִיגְט בִּיז דִי אִידְן זֶענֶען בַּאוִוילִיגְט גֶעוָוארְן צוּ בַּאקוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי בְּרֶענְגְט אִין תּוֹרָה י"ז דֶעם מַאֲמַר חז"ל אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז נִישְׁט בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן נָאר צוּלִיבּ דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער. 'בְּרֵאשִׁית' בִּשְׁבִיל רֵאשִׁית - וֶועגְן דִי אִידְן וֶועלְכֶע וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן 'רֵאשִׁית'.

נָאךְ פַארְ'ן בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אַרוֹיסְגֶעקוּקְט אוֹיף דִי נַחַת אוּן שַׁעֲשׁוּעִים וָואס עֶר וֶועט הָאבְּן פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל אוּן פוּן יֶעדְן אִיד בַּאזוּנְדֶער, אוּן פוּן יֶעדֶע רִיר פוּן אַ אִיד. אֲפִילוּ וֶוען אַ אִינְגְל גֵייט אִין גַאס אוּן זַיין פֵּאוֹת שָׁאקְלֶען זִיךְ, אֲפִילוּ מִיט דֶעם שָׁאקְל בַּארִימְט זִיךְ דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אוּן זָאגְט: "קוּק אָן מַיין צַדִּיקְ'ל, עֶר הָאט פֵּאוֹת!"

חז"ל דֶערְצֵיילְן אוּנְז אַז וֶוען הַשי"ת הָאט גֶעוָואלְט גֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר דִי אִידְן, הָאבְּן דִי מַלְאָכִים גֶע'טַעֲנֶה'ט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן "תְּנָה הוֹדְךָ עַל הַשָּׁמָיִם גֶעבּ דַיין שֵׁיינְקַייט - דִי תּוֹרָה אוֹיף דֶער הִימְל, פַאר אוּנְז מַלְאָכִים". הָאט זֵיי דֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעפְרֶעגְט: "עֶטְס הָאט אַ יֵצֶר הָרַע?" "עֶנְק הָאבְּן קִנְאָה מִיט שִׂנְאָה?" עֶנְק הָאבְּן תַּאֲוֹות פוּן עֶסְן אוּן שְׁלָאפְן? "עֶנְק זֶענֶען אַמָאל גֶעוֶוען אִין מִצְרַיִם - דָאס מֵיינְט דִי וֶועלְט מִיט אִירֶע תַּאֲוֹות?" הָאבְּן זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "נֵיין!"

הָאט זֵיי דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט אַז אִין דִי תּוֹרָה שְׁטֵייט מִצְוֹת וָואס מֶען קֶען טוּן נָאר וֶוען מֶען אִיז אִין אַ גַשְׁמִיוּת'דִיגֶער גוּף מִיט אַ יֵצֶר הָרַע אוּן אַלֶע נִסְיוֹנוֹת אַרוּם. אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט "מִפִּי עוֹלְלִים וְיֹנְקִים יִסַּדְתָּ עֹז", 'עוֹלְלִים וְיוֹנְקִים' מֵיינְט קְלֵיינֶע קִינְדֶער וָואס הָאבְּן נָאךְ נַארִישְׁקֵייטְן מִיט שְׁטוּתִים אִין קָאפּ! אוּן דַוְקָא פוּן זֵיי הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער נַחַת.

זָאל דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן זִיךְ קֶענֶען בַּאנֵייעֶן מִיט דִי תּוֹרָה - דִי עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת וָואס מִיר לֵיינֶען דִי וָואךְ מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט. אוּן גְלֵייבְּן אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גְרוֹיס נַחַת פוּן אוּנְז אוּן בַּארִימְט זִיךְ מִיט אוּנְזֶערֶע מִצְוֹת אוּן נְקוּדוֹת טוֹבוֹת וָואס מִיר טוּעֶן. בִּיז מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ קִיְּמוּ וְקִבְּלוּ - בַּאקוּמֶען פְרִישֶׁע גוּטֶע עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן זַיינֶע סְפָרִים, צוּ קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין דִי תּוֹרָה מִיט לִיבְשַׁאפְט. אוּן בְּקָרוֹב אַנְטְקֶעגְן גֵיין מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ אָמֵן.

# אַ בְּלִיק טוּן וואוּ??

*שְׁמוּאֵלִי לֶערְנְט אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה 'אַהֲבָה וְשִׂמְחָה', כִּתָּה ז'. עֶר זִיצְט יֶעצְט אוֹיף זַיין פְּלַאץ בַּיי הַפְסָקָה און לֶערְנְט זַיינֶע אֵייגֶענֶע סְדָרִים וָואס עֶר דַארְף נָאךְ עֶנְדִיגְן.*

**יוֹסִי:** עֶס אִיז אַזוֹי שְׁרֶעקֶעדִיג, וִוי אַזוֹי הָאט זִיךְ דֶער אוֹטָא אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט?

**אַבְרָמִי:** מַאךְ מִיר שׁוֹין אַ פְּלַאץ בַּיים פֶּענְסְטֶער, אִיךְ מוּז דָאס מִיטְהַאלְטְן!

**שְׁמוּאֵלִי:** זָאגְט דִי מִשְׁנָה אִין מַסֶּכֶת בָּבָא קַמָּא פֶּרֶק ד' "שׁוֹר שֶׁנָּגַח אַרְבָּעָה וַחֲמִשָּׁה שְׁוָרִים זֶה אַחַר זֶה, יְשַׁלֵּם לָאַחֲרוֹן שֶׁבָּהֶם. וְאִם יֶשׁ בּוֹ מוֹתָר, יַחֲזִיר לְשֶׁלְּפָנָיו ..."

**וֶועלְוְול:** שְׁמוּאֵלִי! שׁוֹר שֶׁנָּגַח, זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע מִשְׁנָה, קֶענְסְט עֶס לֶערְנֶען שְׁפֶּעטֶער. אָבֶּער דָא קֶענְסְטוּ מִיטְהַאלְטְן אַ שׁוֹר שֶׁנָּגַח לֶעבֶּעדִיג! בַּאלְד שְׁלֶעפְּט מֶען אַוֶועק אַלֶע צוּקְרַאכְטֶע קַארְס... זֵיי נִישְׁט קַיין נַאר כַאפּ אַ בְּלִיק...

**יוֹסִי:** יָא דַיין מִשְׁנָיוֹת הָאט נִישְׁט קַיין פְּלִיגְלֶעךְ, קֶענְסְט בַּאלְד צוּרִיקְגֵיין... אַזָאנְס מַאכְט זִיךְ נִישְׁט יֶעדְן טָאג אִין אַזַא שְׁטִילֶע גֶעסְל. פִּינְף אַמְבּוּלַאנְסְן!! דְרַיי פָּאלִיצֵיי-קַארְס!! צְוֵויי שְׁלֶעפֶּער אוֹטָא'ס!!

**שְׁמוּאֵלִי טְרַאכְט:** *יֶעדְן טָאג דְרַיי אִיךְ זִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיינֶע חֲבֵרִים, אֶפְשָׁר טַאקֶע זָאל אִיךְ צוּגֵיין צוּם פֶּענְסְטֶער און מִיטְהַאלְטְן וָואס דָארְט אִיז גֶעשֶׁען? אָבֶּער אִיךְ דַארְף עֶנְדִיגְן פִינְף מִשְׁנָה'ס...*

**אַבְרָמִי:** אִיךְ וִויל דִיר נִישְׁט אַיינְטֵיילְן וָואס צוּ טוּן שְׁמוּאֵלִי, אָבֶּער עֶפְן בְּרֵייט דַיין מֹחַ, דוּ מֶעגְסְט זֶען אַבִּיסְל וָואס עֶס טוּט זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט!

**שְׁמוּאֵלִי טְרַאכְט:** *ר' נָתָן הָאט דָאךְ גֶעזָאגְט: "אֵיין בְּלִיק וֵוינִיגֶער אוֹיף דִי וֶועלְט!" ר' נָתָן הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט עֶפֶענֶען דִי לָאדֶענֶעס פוּן זַיין פֶּענְסְטֶער בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּב. וָואס פֶּעלְט מִיר אוֹיס אַלֶעס מִיטְצוּהַאלְטְן.*

**יוֹסִי:** קוּק אָן דִי קַאר... אִיךְ גְלֵייבּ נִישְׁט אַז אֵיינֶער פוּן דִי אוֹטָא הָאט דָאס אִיבֶּערְגֶעלֶעבְּט! עֶס קוּקְט אוֹיס וִוי אַ צֶעקְוֶועטְשְׁטֶע מַארַאנְץ!

**שְׁמוּאֵלִי טְרַאכְט:** אִיךְ בִּין טַאקֶע אַלֶעמָאל דֶער צֶעקְוֶועטְשְׁטֶער פוּן וֶועם מֶען הָאט צוּ לַאכְן. נֶעכְטְן הָאבְּן מַיינֶע חֲבֵרִים גֶעהַאט צוּ זִינְגֶען אוֹיף מַיינֶע צִיצִית וָואס הֶענְגְן אַרוֹיס. מַיינֶע חֲבֵרִים שְׁטֶעקְן עֶס אַרַיין טִיף בַּאהַאלְטְן אִין דִי הוֹיזְן! לֶעצְטֶע וָואךְ הָאבְּן זֵיי גֶעשְׁמֵייכְלְט פוּן מַיין קַאפְּל, עֶס אִיז צוּ גְרוֹיס פַאר זֵייעֶרֶע כְּזַיִת - הַשָּׂגוֹת... אֶפְשָׁר דַארְף אִיךְ נִישְׁט זַיין אַזוֹי צוּרִיקְגֶעשְׁטַאנֶען? קֶען אִיךְ דֶען שְׁטֵיין קֶעגְן אַ גַאנְצֶע חֵדֶר?




*אִינְדֶערְמִיט פוּן דֶעם אַלֶעם שְׁפַּאצִירְט אַרַיין לֶעזֶער מִיט אַ גְרָאדֶע רוּקְן און פֶּעסְטֶע טְרִיט. עֶר טְרֶעט גְלַייךְ צוּ צוּם טִישְׁל פוּן שְׁמוּאֵלִי. זַיינֶע הֶענְט קְלֶעבְּן זִיךְ צוּ צוּ שְׁמוּאֵלִי'ס מִשְׁנַיוֹת און פַארְקְלַאפְּט עֶס מִיט אַ הִילְכִיגְן קְנַאק.*

לֶעזער שְׁרַייט אוֹיס מִיט אַ בֶּערִישֶׁע קוֹל: "וָואס טוּסְטוּ שׁוֹין וַוייטֶער בַּיי דַיין טִישְׁל? שׁוֹין גֶענוּג גֶעוֶוען! אֵייבִּיג מוּזְטוּ זַיין דֶער.... הממ... כְּווייס נִישְׁט וָואס... שׁוֹין, יֶעצְט עֶנְדִיג אוּן קוּם הַאלְט מִיט מִיט אוּנְזֶער עֶקְשָׁן."

*שְׁמוּאֵלִי'ס רוּקְן וֶוערְט אַייְנְגֶעפַּאלְן. זַיין פָּנִים רוֹיט-פַאַרְפְּלַאמְט עֶר וִויל זִיךְ שׁוֹין אוֹיפְהֵייבְּן פוּן פְּלַאץ...*

**שְׁמוּאֵלִי טְרַאכְט:** וָואס גֵייט זֵיי אַזוֹי אָן וָואס אִיךְ טוּ? מִן הַסְּתָם אִיז דָאס וָואס אִיךְ טוּ טַאקֶע מָאדְנֶע... נוּ נוּ, לָאמִיך לֶערְנֶען נָאךְ אֵיין שׁוּרָה פַאר אִיךְ גֵיי צוּ מַיינֶע (אַזוֹי גֶערוּפֶענֶע) חֲבֵרִים.

**שְׁמוּאֵלִי:** זָאגְט ר' נָתָן: "אֲפִילוּ אִם הוּא קָטָן בְּמַעֲלָה מְאֹד אַף־עַל־פִּי־כֵן צָרִיךְ שֶׁיֵּדַע שֶׁבְּוַדַּאי לֹא יִשְׁלַח עָלָיו הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מוֹנֵעַ כָּזֶה שֶׁלֹּא יוּכַל לַעֲמוֹד נֶגְדּוֹ... אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז קְלֵיין אוּן פָּשׁוּט, דַארְף וִויסְן אַז הַשי"ת שִׁיקְט אִים נִישְׁט קֵיין מְנִיעוֹת וָואס עֶר קֶען נִישְׁט בַּייְשְׁטֵיין" **הָא! אִיךְ וֵויים שׁוֹין וָואס צוּ טוּן..!!**

**קִינְדֶער וָואס זָאגְט טַאקֶע ר' נָתָן פַאר שְׁמוּאֵלִי? אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט נִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט פַאר קֵיין שׁוּם כְּלֵי זַיין, אֲפִילוּ נִישְׁט פַאר פַּרְעֹה'ס שְׁוֶוערְד! דַאכְט זִיךְ מִיר אַז פַּרְעֹה הָאט גֶעהַאט גַאנְץ אַ שַׁארְפֶע שְׁוֶוערְד!! אָבֶּער דִי תּוֹרָה זָאגְט "וַיַּצִּלֵנִי מֵחֶרֶב פַּרְעֹה".**

**מֹשֶׁה רַבֵּינוּ לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס אַז אֲפִילוּ אֵיינֶער וִויל זִיךְ שְׁטֶעלְן קֶעגְן דִיר, אֲפִילוּ אַ בַּעַל בְּחִירָה וִויל דִיר שְׁטֶערְן פוּן דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן קֶענְסְטוּ זִיךְ קֶעגְן שְׁטֶעלְן.**

**עֶס אִיז נָאר אַ פַּחַד וָואס דֶער מֶענְטְשׁ וַוארְפְט אַרוֹיף אוֹיף דִיר אוּן וִויל דִיר מְרַחֵק זַיין פוּנֶעם אֱמֶת.**

**אֵיי קֶען אַ אִינְגְל טְרַאכְטְן, יָא! מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט טַאקֶע נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם, זַיין הַאלְז אִיז דָאךְ גֶעוָוארְן אַ מַארְמָארְשְׁטֵיין, וָואס הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט קֶעגְן דֶעם שְׁפִּיזִיגְן שְׁוֶוערְד, אָבֶּער אִיךְ?? קֶעגְן אַזוֹיפִיל קִינְדֶער וָואס לַאכְן פוּן מִיר טָאג אוּן נַאכְט??**

**זָאגְט ר' נָתָן: "אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט אַ קָטָן בְּמַעֲלָה מְאֹד!! מַמָּשׁ אַ קְלֵיינְטְשִׁיגֶער פָּשׁוּטֶ'ער דַארֶער אִינְגְל!! ר' נָתָן לָאזְט נִישְׁט נָאךְ, עֶר זָאגְט וַוייטֶער: "אֲפִילוּ דוּ קוּמְסְט נִישְׁט אָן צוּ דִי קְנֶעכְל צוּ דִי פִּיס פוּן דִי צַדִּיקִים... דַארְפְסְטוּ אָבֶּער וִויסְן אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט דִיר נִישְׁט קֵיין מְנִיעוֹת וָואס דוּ קֶענְסְט נִישְׁט שְׁטֵיין אַנְטְקֶעגְן דֶעם. אוּן מִיטְ'ן כֹּחַ פוּן דִי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים אוּן מִיט כֹּחַ הַתְּפִלָּה וָואס דָאס אִיז דִי אֱמֶתֶ'ע גֶעוֶוער וָואס יֶעדֶער אִיד פַארְמָאגְט דָאס, קֶען מֶען טַאקֶע שְׁטֵיין פֶעלְזְן פֶעסְט. אוּן צוּם סוֹף וֶועלְן אַלֶע שְׁטֶערֶערְס בְּעֶזְרַ הַשֵּׁם פַאלְן פַאר דִיר.**



**אַבְרָמִי:** אִיךְ מֵיין אַז שְׁמוּאֵלִי אִיז גָאר נִישְׁט אַזַא נַאר, קוּק אָן דִי קַאר אִיז גֶעוֶוען אַ נַייעֶ אוֹטָא, עֶס הָאט נָאךְ נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין נוּמֶער – לַייסֶענְס, אוּן יֶעצְט אִיז עֶס גֶעבְּלִיבְּן אַ צֶעקְוֶועטְשְׁטֶע בְּלֶעך... אוּן בֵּיזְדֶערְוַוייל הָאט שְׁמוּאֵלִי אַרַיינְגֶעכַאפְּט אַפָּאר מִשְׁנָיוֹת וָואס וֶועט אִים בַּאגְלֵייטְן פַאר אַלֶעמָאל!

# ~ דִי צְוֶועלֶעְוֶוטֶע מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט

# דֶער בַּעַל תְּפִלָּה

## ~6~




אַ טֵייל הָאבִּין גִיזָאגְט. אַז נִישְׁט דֶער כָּבוֹד אִיז דֶער עִיקָר תַּכְלִית. אוּן זֵיי הָאבִּין גִיקְלֶערְט. אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז רְצִיחָה. וָוארִין מִיר זֶעהְן אַז אַלֶע זַאכִין וָואס סֶע אִיז פַּארְהַאנְדִין אוֹיף דֶער וֶועלְט. מוּזִין אַלֶע פַּארְלֶענְט וֶוערִין. אוּן וָואס סֶע אִיז פַּארְהַאנְדִין אִין דֶער וֶועלְט. גְרָאז אוּן אַלֶע פְּרוּכְטִין אוּן מֶענְטְשְׁן אוּן אַלְץ וָואס אִין דֶער וֶועלְט. מוּז אַלְץ צוּם סוֹף נִישְׁט וֶוערִין.

נִמְצָא אִיז זִיךְ דֶער תַּכְלִית פוּן אַלֶע זַאכְן אַז סֶע זָאל נִכְלֶה וֶוערִין. (דְהַיְינוּ פַּארְלֶענְט וֶוערִין) אִיבֶּער דֶעם אַ רוֹצֵחַ. וָואס עֶר הַרְגִיט אוּן פַּארְלֶענְט מֶענְטְשְׁן. בְּרֶענְגְט עֶר זִיךְ דִי וֶועלְט צוּם תַּכְלִית אִיבֶּער דֶעם הָאבִּין זֵיי זִיךְ אָפְּגִיקְלֶערְט. אַז דֶער תַּכְלִית אִיז רְצִיחָה.

הָאבִּין זֵיי גִיזוּכְט אַ מֶענְטְשְׁן וָואס עֶר זָאל זַיין אַ רוֹצֵחַ אוּן אַ כַּעַסְן אוּן אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל קִנְאָה. וָוארִין אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ אִיז בָּאם תַּכְלִית (וֶועדְלִיג זֵייעֶר פַּארְפִירְטֶע דֵיעָה) אוּן דֶער קֶער צוּ זַיין אַ מֶלֶךְ. זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען זוּכִין אַזוֹי אַ מֶענְטְשְׁן.

הָאבִּין זֵיי גִיהֶערְט אַ גִישְׁרֵיי. הָאבִּין זֵיי גִיפְרֶעגְט. וָואס אִיז דָאס אַזוֹי אַ גִישְׁרֵיי. הָאט מֶען זֵיי גִיעֶנְפֶערְט. דָאס גִישְׁרֵיי אִיז. וָואס אֵיינֶער הָאט זַיין פָּאטֶער אוּן מוּטֶער גִיקוֹילִיט. הָאבִּין זֵיי זִיךְ אָנְגִירוּפִין. וִוי גִיפִינְט זִיךְ נָאךְ אַזוֹי אַ רוֹצֵחַ וָואס עֶר זָאל אַזוֹי אַ שְׁטַארְק הַארְץ הָאבִּין אוּן זָאל זַיין אַזוֹי אַ כַּעַסְן. אַז עֶר זָאל הַרְגֶ'עְנֶען פָּאטֶער אוּן מוּטֶער. אָט דֶער מֶענְטְשׁ הָאט דֶערְלַאנְגְט דֶעם תַּכְלִית (דְהַיְינוּ דֶער וָואס הָאט פָּאטֶער אוּן מוּטֶער גִיקוֹילֶעט) אוּן עֶר אִיז זֵיי וואוֹיל גִיפֶעלִין. אוּן זֵיי הָאבִּין אִים אוֹיף גִינוּמֶען פַאר אַ מֶלֶךְ.

אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ גִיזוּכְט אַ מְדִינָה וָואס זִי זָאל גוֹרֵם זַיין (דְהַיְינוּ זִי זָאל דֶערְצוּ קֶערִין) צוּ רְצִיחָה. הָאבִּין זֵיי זִיךְ אוֹיסְגִיקְלִיבְּן אֵיין אָרְט צְוִוישְׁן בֶּערְג. וָואס דָארְטִין הַאלְטִין זִיךְ רוֹצְחִים. אוּן זֵיי זֶענֶען אַהִין גִיגַאנְגֶען. אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ דָארְט בַּאזֶעצְט מִיט זֵייעֶר מֶלֶךְ.

אַ טֵייל הָאבִּין גִיזָאגְט. אַז סֶע קֶער צוּ זַיין אַ מֶלֶךְ. דֶער וָואס עֶר הָאט אַסַאךְ עֶסִין אוּן עֶר עֶסְט נִישְׁט דָאס עֶסִין פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן נָאר אֵיידֶעלֶע זַאכִין. אוּן אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ קֶער צוּ זַיין אַ מֶלֶךְ.

נָאר זֵיי הָאבִּין תֵּיכֶּף נִישְׁט גִיקָאנְט גִיפִינֶען אַזוֹי אַ מֶענְטְשְׁן. וָואס עֶר זָאל נִישְׁט עֶסִין דָאס עֶסִין פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְשְׁן. הָאבִּין זֵיי זִיךְ דֶערְוַוייל אוֹיסְגִיקְלִיבְּן אֵיין עוֹשֶׁר וָואס עֶר הָאט אַסַאךְ עֶסִין (אוּן זַיין עֶסִין אִיז אַבִּיסִיל אֵיידְלֶער) בִּיז זֵיי וֶועלִין גִיפִינֶען אַזוֹי אַ מֶענְטְשְׁן וִוי זֵיי ווִילִין. וָואס עֶר זָאל נִישְׁט עֶסִין וְכוּ' כַּנַּ"ל,

אוּן דֶערְוַוייל הָאבִּין זֵיי גִימַאכְט דֶעם עוֹשֶׁר פַאר אַ מֶלֶךְ. בִּיז זֵיי וֶועלִין גִיפִינֶען אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ וִוי זֵיי ווִילִין כַּנַּ"ל דֶעמוּלְט וֶועט דֶער עוֹשֶׁר אַרָאפּ פוּן דֶער מְלוּכָה. אוּן מֶע וֶועט יֶענֶעם אוֹיף נֶעמֶען פַאר אַ מֶלֶךְ. אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ אוֹיסְגִיקְלִיבְּן אַ מְדִינָה וָואס זִי זָאל קֶערִין דֶערְצוּ. אוּן זֵיי זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אוּן הָאבִּין זִיךְ דָארְט בַּאזֶעצְט.

אַ טֵייל הָאבִּין גִיזָאגְט אַז אַ יְפַת תּוֹאַר קֶער צוּ זַיין אַ מֶלֶךְ. וָוארִין דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז זִיךְ. אַז דִי וֶועלְט זָאל זַיין בַּאזֶעצְט מִיט מֶענְטְשְׁן. וָוארִין פוּן דֶעסְט וֶועגִין אִיז זִיךְ דִי וֶועלְט בַּאשַׁאפִין גִיוָוארִין. אוּן וַוייל אַ יְפַת תּוֹאַר בְּרֶענְגְט צוּ דֶער תַּאֲוָה. וָואס דוּרְךְ דֶעם וֶוערְט גְרֶעסֶער דֶער יִישׁוּב פוּן דֶער וֶועלְט. (וָוארִין סֶע וֶוערְן מֶער מֶענְשְׁן) נִמְצָא בְּרֶענְגְט זִי זִיךְ

צום תכלית. איבער דעם קער א יפת תואר צו זיין א מלך. האבין זיי זיך אויסגיקליבן א יפת תואר און זי איז איבער זיי גיווארין מלך. און זיי האבין זיך גיזוכט א מדינה וואס סע זאל דערצו קערין. און זיי זענען גיגאנגען און האבין זיך דארט באזעצט.

א טייל האבין גיזאגט אז דער עיקר תכלית איז דער דיבור. וואָרין דער חילוק פון א מענטש ביז א בהמה. איז זיך נאר דער דיבור. און אז דאס איז דער עיקר וואס א מענטש איז גרעסער פון א בהמה. איבער דעם איז דאס דער עיקר תכלית (דהיינו דער דיבור) האבין זיי זיך גיזוכט א דברן (דהיינו א ריידיר) וואס ער זאל זיין א בעל לשון. וואס ער זאל קענען כמה לשונות. און ער זאל אסאך ריידין תמיד. וואָרין אזוי א מענטש. ער איז באם תכלית.

זענען זיי גיגאנגען. און האבין גיפונען א משוגענים פראנצויז וואס ער איז גיגאנגען און האט צו זיך אליין גירעט. האבין זיי אים גפרעגט. צו ער קען לשונות. האט ער גוואוסט כמה לשונות און אזוי א מענש דער האט זיך שוין בוודאי דערלאנגט דעם תכלית. (נאך זייער נארישע פארפירטע דעה נאך) וואָרין ער איז זיך א בעל לשון און ער ווייסט כמה לשונות. און ער רעט זייער אסאך. וואָרין ער רעט זיך אפילו צו זיך אליין.

איבער דעם. איז ער זיי וואויל גיפעלין. און זיי האבין אים אויף גינומען פאר א מלך. און זיי האבין זיך אויסגיקליבין א מדינה וואס זי זאל דערצו קערין. און זיי זענען גיגאנגען און האבין זיך דארט באזעצט מיט זייער מלך. און ער האט זיי בוודאי גיפירט בדרך הישר.

א טייל האבין גיזאגט. אז דער עיקר תכלית איז שמחה. וואָרין אז א קינד ווערט גיבוירין. איז מען פריילך. אז סע איז א חתונה איז מען פריילך. אז מען נעמט אפ א מדינה. איז מען פריילך. נמצא איז זיך דער עיקר תכלית פון אלימען נאר שמחה. איבער דעם האבין זיי גיזוכט א מענשן וואס ער זאל תמיד פריילך זיין. וואָרין דער איז זיך באם תכלית. און דער קער צו זיין מלך אויף זיי. זענען זיי גיגאנגען זוכין האבין זיי גיזעהן סע גיגאנגען א גוי אין איין מיאוס העמד און האט גיטראגין א פלעשיל בראנטווין. און סע זענען אים נאך גיגאנגען כמה גוים. און דער גוי איז זייער פריילך גיווען. וואָרין ער איז זייער שיכור גיווען.

האבין זיי גיזעהן אז דער גוי איז זייער פריילך און ער האט קיין שום דאגה נישט. איז ער זיי זייער וואויל גיפעלין דער גוי. וואָרין ער איז באם תכלית. וואָרין דער תכלית איז זיך נאר שמחה. האבין זיי דעם גוי אויף גינומען פאר א מלך איבער זיי. און ער האט זיי בוודאי גיפירט בדרך הישר.

און זיי האבין זיך אויס גיקליבן א מדינה וואס זי זאל דערצו קערין. דהיינו דארט ווי ווין גערטנער זענען אז מען זאל מאכין ווין און פון די קערינדלעך פון די ווין טרויבין. זאל מען מאכין בראנטווין. און סע זאל גאר נישט גיין לאבוד קיין שום זאך פון די ווין טרויבין.

וואָרין דאס איז זיך ביי זיי דער עיקר תכלית גיווען אז מען זאל טרינקען און מע זאל שיכורין און מע זאל תמיד פריילך זיין. חאטשע מע ווייסט גאר נישט מיט וואס. וואָרין זיי האבין גאר נישט מיט עפעס פריילך צו זיין. איז אבער פארט ביי זיי דאס דער עיקר תכלית גיווען אז מע זאל תמיד פריילך זיין. און זיי האבן זיך אויסגיקליבן א מדינה וואס סע קער דערצו כנ"ל. און זיי זענען גיגאנגען און האבין זיך דארט באזעצט.

א טייל האבין גיזאגט אז דער עיקר איז חכמה. האבין זיי זיך גיזוכט א גרויסין חכם. און זיי האבין אים גימאכט פאר א מלך איבער זיי. און זיי האבין זיך גיזוכט א מדינה וואס זי קער צו חכמה. און זיי זענען גיגאנגען און האבין זיך דארט באזעצט.

א טייל האבין גיזאגט. אז דער עיקר תכלית איז אז מע זאל זיך פילעווין אין עסין און טרינקען. מע זאל גרייסין די אברים. און זיי האבין גיזוכט א בעל אברים. דהיינו אזוינער וואס ער האט גרויסע אברים. און ער פילעוויט זיך צו גרייסין זיינע אברים. (דהיינו די גלידער פון דעם גוף). וואָרין ווייל ער האט גרויסע אברים האט ער זיך מער חלק אין דער וועלט. וואָרין ער פארנעמט מער ארט אין דער וועלט. און דער מענטש איז נענטער צום תכלית. וואָרין דער תכלית איז זיך אז מע זאל גרייסין די אברים. איבער דעם, אזוי א מענש קער צו זיין א מלך. זענען זיי גיגאנגען און האבין גיפונען א לאנגין ווייגער. איז ער זיי גיפעלין וואָרין ער איז זיך א בעל איברים. און ער איז באם תכלית האבין זיי אים אויף גינומען פאר א מלך. און זיי האבין זיך גיזוכט א מדינה

המשך אויף זייט 8

## „עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת אין די מְגִלָּה"

דֶער שִׁיף הָאט זִיךְ גֶעוַואקְלְט צְווִישְׁן דִי שְׁטוּרְמִישֶׁע כְוואלְיֶעס אִינְמִיטְן דֶעם אָקֶעאַן. אַלֶע רַייזְנְדֶע זֶענֶען גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען מִיט זֵייעֶר טָאג-טֶעגְלִיכְן סֵדֶר הַיּוֹם, דִי זֶעלְבֶּע ווי דִי פַארְגַאנְגֶענֶע צְווֵיי וָואכְן פוּן וֶוען מְ'אִיז אַרוֹיסְגֶעפָארְן. נָאר אֵיינֶער פִירְט זִיךְ זֵיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן אוֹיסְגֶעטוּן פוּן דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט וָואס נֶעמְט אִים אַרוּם. הרה"ח ר' שְׁמוּאֵל הֶעשִׁיל פְרִידְמַן ז"ל, אַ פְלַאם פַייעֶרְ'דִיגֶער בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד גְרֵייט זִיךְ צוּם יוֹם טוֹב פּוּרִים, וָואס פַאלְט אוֹיס פּוּנְקְט אִינְמִיטְן זַיין נְסִיעָה אוֹיפְ'ן וֶועג אַהֵיים קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אַהֵיימְפָארְנְדִיג פוּן אוּקְרֵיינֶע וואוּ עֶר הָאט גֶעוַוייְלט דִי לֶעצְטֶע שְׁטִיק צַייט בַּיים הֵיילִיגְן רַבִּי'נְס צִיּוּן דֶער נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה.

ר' שְׁמוּאֵל הֶעשִׁיל טְרֶעפְט זִיךְ אַ ווִינְקְל אִין שִׁיף, ווַייט אַוֶועק פוּנֶעם גַאנְצְן גֶעטוּמְל, עֶר שְׁטֶעלְט אוֹיף אַן אֵייגְן גֶעמַאכְטֶע טִישׁ אוּן הֵייבְּט אָן אוֹיפְדְרֵייעֶן דִי מְגִלָּה. פוּן דֶערְוַוייטֶנְס קוּקְן מֶענְטְשְׁן מִיט נַייגֶער וָואס דֶער מָאדְנֶער אִידְל - וֶועלְכֶער הָאט שׁוֹין דִי גַאנְצֶע צַייט גֶעצוֹיגְן זֵייעֶר אוֹיפְמֶערְקְזָאמְקֵייט - טוּט דָארְט אִין זַיין לָאךְ. ר' שְׁמוּאֵל הֶעשִׁיל לֵייגְט נִישְׁט אַכְט אוֹיף דִי אוֹיגְן וָואס פָאלְגְן אִים נָאךְ. עֶר הֵייבְּט אָן צוּ לֵיינֶען דִי מְגִלָּה אוּן בַּאמֶערְקְט גָארְנִישְׁט ווִי זַיין קוֹל הֵייבְּט זִיךְ הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער צוּשְׁפְּרֵייטְנְ'דִיג אִירֶע קְלַאנְגֶען ווַייט אִיבֶּערְ'ן הָארִיזָאנְט.

צְווִישְׁן דִי צוּשׁוֹיעֶר אִיז גֶעוֶוען אַ יָוָנִי - אַ גְרִיכִישֶׁער גוֹי, דִי הִתְלַהֲבוּת פוּן דֶעם אִיד הָאט אִים גֶעשְׁטָאכְן ווִי מִיט טוֹיזְנְט שְׁפִּיזְן פּוּנְקְט ווִי דִי יְוָונִים, זֵיינֶע אִיר-עֶלְטֶערְן אִין דִי צַייטְן פוּן נֵס-חֲנוּכָּה. מִיט כַּעַס אִיז עֶר צוּגֶעלָאפְן צוּ דִי מְגִלָּה אוּן אַרַיינְגֶעשְׁפִּיגְן אִין אִיר. ר' שְׁמוּאֵל הֶעשִׁיל הָאט אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט אִיגְנָארִירְן אוּן הָאט אִים אַוֶועקְגֶעשְׁטִיפְּט מִיט כֹּחַ. דֶער יָוָנִי אִיז יֶעצְט גֶעוָוארְן נָאכְמֶער אוֹיפְגֶעבְּרוֹיזְט אוּן אִיז גֶעלָאפְן צוּם שִׁיפְ'ס קַאפִּיטַאן פַארְ'מַסֶרְ'ן דֶעם אִיד וָואס הָאט אִים גֶעוָואלְט הַרְגְ'עֶנֶען.

עֶס הָאט נִישְׁט גֶעדוֹיעֶרְט לַאנְג אוּן ר' שְׁמוּאֵל הֶעשִׁיל הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן אִין קֵייטְן, אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִינֶעם שִׁיפְ'ס תְּפִיסָה. ר' שְׁמוּאֵל הֶעשִׁיל אִיז גֶעשְׁטֶעלְט גֶעוָוארְן פַאר אַ פְּרָאווִיזָארִישְׁן מִשְׁפָּט וואוּ מְ'הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַ גֶעלֶעגְנְהֵייט זִיךְ צוּ פַארְטֵיידִיגְן.

"אַוַודַאי הָאבּ אִיךְ גֶעווָאלְט שֶׁעדִיגְן דֶעם מֶענְטְשׁ," הָאט ר' שְׁמוּאֵל הֶעשִׁיל גֶעטַייטְלְט צוּם יָוָנִי, ווִיסְנְ'דִיג אַז לֵייקֶענֶען וֶועט נִישְׁט הֶעלְפְן וֶועט עֶר בֶּעסֶער מִיטְשְׁפִּילְן. "עֶר הָאט גֶעשְׁפִּיגְן אוֹיפְ'ן בֵּייבְּל (דִי גוֹי'שֶׁע פַאלְשֶׁע-תּוֹרָה) וואוּ עֶס שְׁטֵייט דִי עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת."

דִי שִׁיפְ'ס מַאנְשַׁאפְט וֶועלְכֶע זֶענֶען גֶעוֶוען גְלוֹיבִּיגֶע וָואס גְלֵייבְּן אִינֶעם בֵּייבְּל, זֶענֶען גֶעוָוארְן אוֹיפְגֶעטְרֵייסְלְט פוּנֶעם אַקְט וָואס הָאט גֶעשֶׁעֶנְדֶעט אַזַא הֵיילִיגְטוּם. "ווַייז אוּנְז דֶעם בֵּייבְּל וָואס עֶר הָאט גֶעטְשֶׁעפֶּעט." הָאבְּן זֵיי בַּאפוֹילְן אֵיידֶער זֵיי הָאבְּן אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן דֶעם פְּסַק.

ר' שְׁמוּאֵל הֶעשִׁיל הָאט גֶעבְּרֶענְגְט זַיין מְגִלָּה פוּן וֶועלְכֶע עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן לֵיינֶען צֵייגְנְדִיג אוֹיף דִי פַּארְמֶעט וואוּ סְ'אִיז גֶעשְׁטַאנֶען דִי עֲשֶׂרֶת בְּנֵי הָמָן אִין אַ רֵייעֶ אֵיינֶע נָאכְ'ן אַנְדֶערְן. "דָא שְׁטֵייט דִי צֶען שׁוּרוֹת!" הָאט עֶר אוֹיסְגֶערוּפְן מִיט זֶעלְבְּסְזִיכֶערְקֵייט.

מֶען הָאט זָאפָּארְט אוֹיפְגֶעטוֹישְׁט דֶעם יָוָנִי אוֹיפְ'ן פְּלַאץ פוּן ר' שְׁמוּאֵל הֶעשִׁיל אִין תְּפִיסָה אַרַיין!

ר' שְׁמוּאֵל הֶעשִׁיל אִיז גֶעבּוֹירְן אִין יָאר תרל"ח אִין אַ שְׁטֶעטֶעלֶע נֶעבְּן בַּארְדִיטְשׁוֹב. נָאךְ זַיין חֲתוּנָה אִין יָאר תרנ"ח אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַ מְלַמֵּד צוּ לֶערְנֶען 'שְׁרֵייבְּן' פַאר קִינְדֶער. מִיט אַן הַשְׁגָּחָה פוּן אוֹיבְן הָאט עֶר זִיךְ בַּאקֶענְט אִין חֶדֶר מִיט נָאךְ אַ מְלַמֵּד הרה"ח ר' שִׁמְשׁוֹן בַּארְדִיטְשׁוֹבֶ'עֶר, אַ פַייעֶרְדִיגֶער בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד.

ר' שִׁמְשׁוֹן אַרְיֵה אִיסְרוֹב - וֶועלְכֶער מֶען פְלֶעגְט רוּפְן "ר' שִׁמְשׁוֹן בַּארְדִיטְשׁוֹבֶ'עֶר", פְלֶעגְט אַ סַךְ רֶעדְן מִיט ר' שְׁמוּאֵל הֶעשִׁיל "דֶער שְׁרֵייבְּן רֶבִּי" פוּן עֲבוֹדַת ה' אוּן דֶעם אֱמֶת'ן תַּכְלִית, אָבֶּער ווִיבַּאלְד ר' שְׁמוּאֵל

הֶעשִׁיל הָאט גֶעהַאט אַ פַּארְנוּמֶענֶע טָאג, זַייֶענְדִיג אִין חֵדֶר פִינְף שָׁעָה, אוּן דִי שְׁפֶּעטֶער שָׁעָה'ן פְלֶעגְט עֶר זַיין אַ 'צוּלֶערְנֶער' מִיט נָאךְ עֶטְלִיכֶע קִינְדֶער, הָאט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט קַיין מִינוּט צַייט צוּצוּלֵייגְן זַיין אוֹיעֶר צוּ דִי וֶוערְטֶער פוּן ר' שִׁמְשׁוֹן.

עֶס אִיז אַרִיבֶּער אַ יָאר, אוּן ר' שִׁמְשׁוֹן הָאט גֶעעֶפְנְט אַן אֵייגֶענֶעם חֵדֶר אִיז ר' שְׁמוּאֵל הֶעשִׁיל גֶעוָוארְן אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט אִין דֶעם חֵדֶר אוּן דָארְט גֶעלֶערְנְט וֵוייניגֶער שָׁעוֹת וִוי בִּיז הַיינְט. דִי חֵדֶר אִיז גֶעוֶוען סְטַאנְצִיאָנִירְט אִין שְׁטָאטִישְׁן "שׁוּסְטֶערְ'ס שׁוּל" וואוּ עֶס פְלֶעגְן זִיךְ דָארְט אוֹיךְ צַאמְנֶעמֶען דִי בְּרֶסְלֶבֶ'ע חֲסִידִים, אַזוֹי הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ גוּטֶע גֶעלֶעגְנְהַייט פַאר ר' שְׁמוּאֵל הֶעשִׁיל זִיךְ צוּ בַּאקֶענֶען מִיט דִי פֵייעֶרְדִיגֶע בְּרֶסְלֶבֶ'ער חֲסִידִים: ר' שְׁמֶערְל בַּארְדִיטְשׁוֹבֶ'ער אוּן ר' יִשְׂרָאֵל יָאלִיס אוּן נָאךְ.

נָאכְן עֶנְדִיגְן לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער, פְלֶעגְט עֶר זִיצְן אוּן זִיךְ וַוארִימֶען אוּנְטֶער דִי שָׁאטְן פוּן דֶעם רֶבִּי'נְס לַייט אוּן מִיטְהַאלְטְן דִי שִׁעוּרִים אוּן שִׂיחַת חֲבֵרִים. ר' שְׁמוּאֵל הֶעשִׁיל שְׁרַייבְּט אִין זַיינֶע זִכְרוֹנוֹת, "וֶוען אִיךְ הָאבּ דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל צוּגֶעזֶען דִי עֲבוֹדָה פוּן דִי זִיסֶע בְּרֶסְלֶבֶ'ע לַייט, וְוִיאַזוֹי ר' יִשְׂרָאֵל יָאלִיס זָאגְט תִּיקוּן חֲצוֹת מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ אוּן דֶערְנָאךְ זַיין טַאנְצְן מִיט אַזַא שִׂמְחָה... בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן צוּגֶעבִּינְדְן צוּ אִים מִיט גְרוֹיס לִיבְשַׁאפְט" צוּבִּיסְלֶעךְ הָאט עֶר זִיךְ בַּאקֶענְט מִיט נָאךְ הַארְצִיגֶע חֲסִידִים, עֶר פְלֶעגְט מִיטְהַאלְטְן מִיט דִי תְּפִלּוֹת אוּן לִמּוּדִים אוּן זֵייעֶר שִׂיחַת חֲבֵרִים.

ר' שְׁמוּאֵל הֶעשִׁיל הָאט זִיךְ שְׁפֶּעטֶער גֶעצוֹיגְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן גֶעוואוֹינְט אִין יְרוּשָׁלַיִם. ר' שִׁמְשׁוֹן אִיז אוֹיךְ אוּנְטֶער גֶעקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִין זִיךְ אוֹיךְ גֶעצוֹיגְן קַיין יְרוּשָׁלַיִם, וואוּ זַיין גְרוֹיסֶער זוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען לֶערְנֶען אִין אַ יְשִׁיבָה. ר' שִׁמְשׁוֹן הָאט גֶעדִינְגֶען אַ דִירָה אִין 'תֵּימֶנֶ'ער הַייזֶער' אִין שְׁכֵנוּת פוּן ר' שְׁמוּאֵל הֶעשִׁיל, אַזוֹי הָאבְּן זֵיי גֶעהַאט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ לֶערְנֶען אִינְאֵיינֶעם דֶעם רֶבִּי'נְס סְפָרִים.

ר' שְׁמוּאֵל הֶעשִׁיל אִיז נָאךְ עֶטְלִיכֶע יָאר גֶעגַאנְגֶען וואוֹינֶען אִין שְׁטָאט יָפוֹ. וְוינְטֶער תרע"ד אִיז ר' שִׁמְשׁוֹן דָארְט גֶעקוּמֶען מִיט זַיין זוּן שִׂמְחָה, וֶוען



**שטאטישע שול אין בארדיטשוב**

נָאךְ עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים זַייעֶנְדִיג נִישְׁט גֶעזוּנְט הָאט עֶר גֶערֶעכְנְט אַז דִי קְלָארֶע לוּפְט נֶעבְּן יַם קֶען אִים צוּהֶעלְפְן פַאר זַיין גֶעזוּנְט. עֶס אִיז אַרִיבֶּער עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים אוּן חֹדֶשׁ שֵׁבֶט תרע"ד הָאט ר' שִׁמְשׁוֹן צוּרִיקְגֶעגֶעבְּן זַיין הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, עֶר לִיגְט בַּאעֶרְדִיגְט אִין הַר הַזֵּיתִים, זַיין יָארְצַייט פַאלְט אוֹיס וָואךְ כ"ב שֵׁבֶט קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ.

ר' שִׁמְשׁוֹן אִיז גֶעוֶוען דֶער וָואס הָאט צוּגֶעהָאלְפְן אַז ר' שְׁמוּאֵל הֶעשִׁיל זָאל פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. דָאס אִיז גֶעוֶוען נָאכְדֶעם וֶוען ר' שְׁמוּאֵל הֶעשִׁילְ'ס בָּחוּר הָאט בַּאקוּמֶען אַ בַּאפֶעל אַז עֶר דַארְף זִיךְ שְׁטֶעלְן אַלְס אַ זֶעלְנֶער אִין דִי רוּסִישֶׁע מִילִיטֶער. עֶס הָאט נִישְׁט גֶעהָאלְפְן קַיין תֵּירוּצִים אַז עֶר אִיז אַ אֵיין-אֵיינְצִיג-קִינְד צוּ זַיינֶע עֶלְטֶערְן. ר' שִׁמְשׁוֹן הָאט אִים צוּגֶערֶעדְט עֶר זָאל פָארְן קַיין אוּמַאן, אוּן זִיךְ דָארְט טְרֶעפְן מִיט ר' יִשְׂרָאֵל קַארְדוּנֶער וֶועלְכֶער וֶועט אִים צוּהֶעלְפְן פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. עֶר הָאט אִים צוּגֶעגְרֵייט אַ בְּרִיוו אִיבֶּערְצוּגֶעבְּן פַאר ר' יִשְׂרָאֵל קַארְדוּנֶער, אוּן ר' יִשְׂרָאֵל הָאט אִים טַאקֶע גֶעהָאלְפְן מִיט דִי נוֹיטִיגֶע דָאקוּמֶענְטְן אוּן גֶעלְט אוֹיף צוּ קֶענֶען מַאכְן אַזַא שְׁוֶוערֶע נְסִיעָה. יֶענֶעם יָאר אִיז ר' שְׁמוּאֵל הֶעשִׁיל טַאקֶע אַרוֹיף קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

המשך פון זייט 4



וָואס זִי זָאל קֶערִין דֶערְצוּ. אוּן זֵיי זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אוּן הָאבִּין זִיךְ דָארְט בַּאזֶעצְט.

אוּן סֶע גִיוֶוען אֵיין אַנְדֶערֶע כִּתָּה. וָואס זֵיי הָאבִּין גִיזָאגְט. אַז דִי אַלֶע זַאכִין זֶענֶען אַלֶע גָאר קֵיין תַּכְלִית נִישְׁט. נָאר דֶער רֶעכְטֶער תַּכְלִית אִיז. אַז מֶע זָאל נָאר עוֹסֵק זַיין אִין תְּפִלָּה צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אוּן מֶען זָאל זַיין אֵיין עָנָיו אוּן אַ שְׁפַל בֶּרֶךְ. (כְּלוֹמַר מֶע זָאל פוּן זִיךְ גָאר נִישְׁט הַאלְטִין) וְכוּ'. אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ גִיזוּכְט אַ בַּעַל תְּפִלָּה אוּן זֵיי הָאבִּין אִים גִימַאכְט פַאר אַ מֶלֶךְ אִיבֶּער זֵיי.

(דָאס פַארְשְׁטֵייט מֶען שׁוֹין אַלֵיין אַז דִי אַלֶע כִּתּוֹת הַנַּ"ל הָאבִּין זִיךְ אַלֶע טוֹעֶה גִיוֶוען אוּן זֶענֶען אַלֶע פַארְפִירְט גִיוָוארְן אִין גְרוֹיסֶע נַארִישְׁקֵייט. אִיטְלִיכֶע כִּיתָּה אִין אִיר נַארִישְׁקֵייט דָארְךְ זֵייעֶרֶע נַארִישֶׁע סְבָרוֹת אוּן נַארִישֶׁע גִידְרַאנְגֶען. נָאר דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע כִּיתָּה דִי הָאבִּין צוּ גִיטְרָאפִין דֶעם רֶעכְטִין אֱמֶת. אַז וואוֹיל אִיז זֵיי).

דָאס הָאט אַלְץ דֶערְצֵיילְט אֵיינֶער פוּן דִי גִיבּוֹרִים פַאר דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה.

צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין
אינעם גורל, 02-5-3333-72
1-518-329-9149 646-518-1095

## די צוועלעוועטע מעשה (6) - מבעל תפילה

**א. פארוואס האט די צווייטע כתה געזאגט אז דער תכלית איז רציחה?**
- ❑ ווייל ווער ס'הרג'ט אסאך מענטשן האט אסאך כבוד
- ❑ ווייל אלעס אין דער וועלט ווערט פארלענט און א רוצח פארלענט מענטשן
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ב. וועם האבן זיי גענומען פאר א מלך?**
- ❑ איינער וואס האט גע'הרג'ט אסאך מענטשן
- ❑ איינער וואס האט גע'הרג'ט זיינע קינדער
- ❑ איינער וואס האט גע'הרג'ט זיין טאטע און מאמע

**ג. וועם האבן גענומען פאר א מלך די כתה וואס האבן געהאלטן אז א מלך דארף זיין איינער וואס עסט נאר איידעלע עסן?**
- ❑ זיי האבן געטראפן איינעם וואס עסט נאר איידעלע עסן
- ❑ זיי האבן נישט געטראפן האבן זיי דערווייל גענומען א עושר אלס מלך
- ❑ זיי האבן נישט געטראפן א מלך

**ד. וועם האבן גענומען פאר א קעניג די כתה וואס ביי זיי איז די תכלית צו באזעסן די וועלט?**
- ❑ איינער וואס האט געהאט אסאך קינדער
- ❑ איינער וואס האט געהאט אסאך ווייבער
- ❑ א יפת תואר

**ה. פארוואס האט די פינפטע כתה גזאגט אז די תכלית איז דער דיבור?**
- ❑ ווייל ווער ס'רעדט גוט האט מען אים ליב
- ❑ ווייל די חילוק פון א מענטש און א בהמה איז דער דיבור
- ❑ וויל דער דיבור איז זייער טייער ביי השי"ת

**ו. וועם האבן זיי גענומען פאר א קעניג?**
- ❑ איינער וואס קען הויך רעדן
- ❑ איינער וואס קען הויך שרייען מיט א שטיל קול
- ❑ א משוגענעם פראנצויז וואס רעדט צו זיך

**ז. וועם האבן גענומען פאר א קעניג די כתה וואס ביי זיי איז די תכלית שמחה?**
- ❑ א גוי א שיכור
- ❑ א מענטש וואס פלעגט משמח זיין אלמנות און יתומים
- ❑ א מענטש וואס פלעגט לאכן א גאנצן טאג

***ח. שאלת זכות: האט דער הייליגער רבי געוואלט אונז זאלן שיכור'ן צו ווערן פרייליך*** (עין בכוכבי אור, שמחה וששון אות א', ובהגהה שם)***?***
- ❑ *נאר שבת און יו"ט*
- ❑ *נאר שמחת תורה*
- ❑ *נאר פורים*

**ט. אין וועלכע מדינה זענען געגאנגען וואוינען די כת פון שמחה?**
- ❑ אינדרויסן פון ישוב
- ❑ ווי עס וואקסן אסאך ווייץ טרויבן
- ❑ ווי מען פארקויפט וויין פאר ביליג

**י. מיט וואס האבן זיי זיך געפריידט?**
- ❑ אז זיי האבן געטראפן א פאסיגן קעניג
- ❑ מיט אמונה און נקודות טובות
- ❑ זיי האבן גאר נישט מיט וואס זיך צו פרייען

**יא. וועם האבן גענומען פאר א קעניג די כתה וואס ביי זיי איז די תכלית חכמה?**
- ❑ א זוהן פון א חכם
- ❑ א תלמיד חכם
- ❑ א גרויסן חכם

**יב. פארוואס האט די אכטע כתה געהאלטן אז דער תכלית איז גרויסן די איברים?**
- ❑ ווייל ער האט מער חלק אין דער וועלט
- ❑ ווייל ער האט מער כבוד
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יג. וואס האט געזאגט די נײנטע כתה אז דער תכלית איז?**
- ❑ נאר צו עוסק זיין אין תפלה צו השי"ת
- ❑ צו זיין א עניו און שפל ברך
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יד. וועם האבן זיי קודם געטראפן פאר א קעניג?**
- ❑ זיי האבן נישט געטראפן
- ❑ אונזער בעל תפלה
- ❑ עפעס א בעל תפלה

**טו. וועלכע פון די אלע כתות האבן געטראפן די אמת?**
- ❑ אלע כתות האבן זיך טועה געווען
- ❑ נאר די כתות פון שמחה און תפילה
- ❑ נאר די כתה פון תפילה

***טז. שאלת זכות: ביי וועלכע כתה איז דער רבי זייער מקצר?***
- ❑ *רציחה*
- ❑ *שמחה*
- ❑ *חכמה*